פאר קליינע קינדער

אכטע מעשהלע

אנדערס ניי היטעלע

פאַרלאַג
„קולטור־ליגע"
וואַרשע.

120

דערציילט
פון
מיס בריאן.
פון פראנצויזיש
ב. סלוצקי.

געדרוקט אין 3500 עקז.
ווארשע, 1921.

POWIASTKI DLA DZIECI. Tłomaczył z francuzkiego B. SŁUCKI
Wyd. „KULTUR-LIGE" Warszawa, 1921

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

אַמאָל איז געווען אַ קליין ייִנגעלע, אַנדערס האָט מען אים גערופן.

האָט ער געהאַט אַ נײַ היטעלע.

בײַ קיינעם איז ניט געווען אַזאַ שיין היטעלע: האָט דאָס דאָך אויסגעאַרבעט אַנדערס מאַמע מיט אירע אייגענע הענט, און ווער קאָן עס מאַכן בעסער פאַר דער מאַמען?

געווען איז דאָס היטעלע אינגאַנצן אַ רויטס, דאָס דעקל אָבער — אַ גרינס: ניט געווען קיין רויטע וואָל מער. און דאָס קוטאַסל איז געווען אַ בלויס.

די ברידערלעך און שוועסטערלעך זיינען נאָכגעלאָפן אנדערסן און אָנגעקוואָלן פון זיין היטעלע.

און אַנדערס, אריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס, גייט ער זיך אַרום און פון גאַנצן הארצן באַדויערט ער יע־דערן, וואָס פאַרמאָגט ניט אַזאַ היטעלע.

גייט אַנדערס אַמאָל אַוועק אויפן שפאַציר.

דער ערשטער, וועמען ער האָט באַגעגנט, איז געווען אַ פויער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך אַ וואָגן האָלץ און פליי־סיק אונטערגעשמיצלט דאָס פערדל. דער פויער האָט זיך אַזוי נידעריק פאַרנויגט פאַר אַנדערסן, אַז ער האָט זיך שיער האַלז און נאַקן ניט געבראָכן, נאָר אנדערס איז שנעל דורכ־געלאָפן פאַרביי אים.

דאָרט, ווו מען פאַרקערעוועט ביים שליאַך, האָט אַנ־
דערס אָנגעיאָגט דעם שוסטערס זון, לאַכסן.

לאַכס איז שוין געווען אַ גאַנץ היפשער יונג און האָט
שוין געטראָגן הויכע שטיוול און געהאַלטן אַ טאַשנמעסערל
אין כאָלעווע. ער האָט פשוט קיין אויג ניט געקאָנט אַראָפּ־
נעמען פון היטעלע, זיך נישט איינגעהאַלטן און אַ ריר גע־
טאָן דאָס בלויע קוטאַסל.

— הער נאָר, לאָמיר זיך בייטן! — האָט ער געזאָגט, —
איך וועל דיר געבן מיין טאַשנמעסערל, און דו גיב מיר דיין
היטעלע.

ביי לאַכסן איז געווען אַ זעלטן מעסערל, כאָטש דאָס
קלינגל איז געווען צעבראָכן אויף דער האַלב, און דאָס

קלעצל איז געווען אַ ביסל קאַליע. אַנדערס האָט געוווּסט, אַז ווער עס האָט אַ טאַשנמעסערל, הייסט שוין כּמעט אַ גרויסער, דאָך קומט עס ניט צום היטעלע, וואָס די מאַמע האָט אויסגעאַרבעט.

— ניין, איך וויל ניט, — האָט אַנדערס געענטפערט, האָט אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אָפּגעזעגנט און איז זיך אַוועקגעגאַנגען ווייטער.

בעלד נאָך דעם האָט אַנדערס באַגעגנט אַן אַלטע שוואַכע פרוי. זי האָט אַזוי נידעריק זיך אַ בוק געטאָן פאַר אים, אַז איר קלייד האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי אַ פּענכער. און זי זאָגט צו אַנדערסן:

— דאָס היטעלע פּאַסט אים אַזוי, כאָטש נעם גיי צום קייסער אויפן באַל.

— און פאַרוואָס טאָקע ניט? — האָט אַנדערס אַ טראַכט געטאָן, — אויב איך בין יאָ אַזוי שיין, פאַרוואָס זאָל איך טאָקע ניט גיין צום קייסער?

און ער איז אַוועק צום קייסערס פּאַלאַץ.

פאַרן פּאַלאַץ זיינען געשטאַנען צוויי גרענאַדירן אין בלאַנקענדיקע קאַסקעס און מיט ביקסן אין די הענט. אַז אַנדערס איז צו זיי צוגעקומען, האָבן זיי אויסגעצויגן די ביקסן און אָנגעשטעלט אויף אים.

— האַלט! ווער גייט? — האָט איין גרענאַדיר אַ געשריי געטאָן.

— דאָס בין איך, — האָט אַנדערס געענטפערט, — איך גיי צום קייסער אויפן באַל.

— מע טאָר ניט, — האָט דער צווייטער גרענאַדיר אַ זאָג געטאָן און געמאַכט אַ שריט צו אַנדערסן, — אַהער לאָזט מען אַריין נאָר מענטשן אין מונדירן.

גראָד אין דער מינוט איז די פּרינצעסין אַרומגעשפּרונ־גען איבערן הויף, אָנגעטאָן אין אַ ווייס זיידן קליידל מיט אַ בלויען באַנד. דערזען אַנדערסן לעבן די גרענאַדירן, איז זי צו צו זיי.

— אַך, — האָט זי געזאָגט, — ער טראָגט אויפן קאָפּ אַזאַ שיין היטעלע, און דאָס איז אַלץ איינס, ווי אַ מונדיר.

און זי האָט גענומען אַנדערסן פאַר דער האַנט און זיך געלאָזט גיין מיט אים איבער די ברייטע מאַרמאָר־טרעפּ. לענג־אויס זיינען געשטאַנען דאַמען און קאַוואַליערן,

אויסגעפוצט אין זייד און סאַמעט, און האָבן זיך צו זיי נידע־
ריק געבוקט. זיי האָבן געזען דאָס היטעלע אויף אַנדערסן,
און האָבן גערעכנט, עס דאַרף געוויס זיין אַ פּרינץ.

אין סאַמע עק פונם גרויסן זאַל איז געשטאַנען אַ טיש
מיט אַ סך גאָלדענע בעכערס און קרעדענצן און אויף גרויסע
זילבערנע טאַצן זיינען געלעגן גאַנצע בערג לעקעך און
טאָרט. די פּרינצעסין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול
אונטער אַ בלויער חופּה, באַפּוצט מיט רויזן־גירלאַנדעס, און
אַנדערסן האָט זי אַוועקגעזעצט אויף אַ צווייטער גאָלדענער שטול.

— איידער דו וועסט זיך אָבער נעמען צום עסן, מוזסט
אויסטאָן דאָס היטעלע, — האָט די פּרינצעסין געזאָגט, און עס
געוואָלט ביי אים אַראָפּנעמען פון קאָפּ.

— אָ, איך ווייס, ווי אַזוי מע דאַרף זיצן ביים טיש, — האָט אַנדערס געענטפערט און שטאַרק צוגעהאַלטן דאָס היטעלע מיט ביידע הענטלעך, ווייל ווער וואָלט אים געקאָנט פאַרזיכערן, אַז ער וועט עס באַקומען צוריק, אויב ער וועט עס אָוועקגעבן?

— הער נאַר, — האָט די פרינצעסין געזאָגט, — גיסט מיר דיין היטעלע, גיב איך דיר אַ קוש.

די פרינצעסין איז געווען זייער אַ שיין מיידעלע, איר אַ קוש איז געווען אַ פאַרגעניגן. אַנדערס אָבער וואָלט פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט ניט אָפּגעגעבן דאָס היטעלע, וואָס די מאַמע האָט אים געמאַכט, און ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

האָט איִם די פּרינצעסין אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט שטרודל, איִם אָנגעטאָן אויפן האַלדז איר שווערע גאָלדענע קייט, זיך איינגעבויגן און איִם אַ קוש געטאָן. אַנדערס אָבער האָט זיך נאָך טיפער אַריינגעזעצט אין שטול און ניט אַראָפּגענומען זיינע הענטלעך פונם היטעלע.

אין דעם האט זיך די טיר ברייט געעפנט, און דער קייסער איז אַריינגעקומען מיט זיין סוויטע, אַלע אין בלאַנקענע מונדירן און אין קאַסקעס מיט פעדערן. דער קייסער אַליין איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פורפור-מאַנטל, וואָס האָט זיך איִם נאָכגעשלעפּט מיט אַ שלייף איבער דער דיל. אויפן קאָפּ האָט דער קייסער געטראָגן אַ גרויסע, גאָלדענע קרוין.

דערזען אַנדערסן אויף דער גאָלדענער שטול, האָט דער קייסער אַ שמייכל געטאָן.

— יאָ, — האָט אַנדערס געענטפערט, — די מאַמע האָט עס מיר אויסגעאַרבעט פון דער בעסטער וואָל, — און יעדע־רער האָט חשק דאָס אויסנאַרן ביי מיר.

— נו, אָבער מיט מיר וועסטו זיך געוויס בייטן, — האָט דער קייסער געזאָגט און אַראָפּגענומען פון קאָפּ זיין גרויסע שווערע קרוין.

אַנדערס האָט גאָרניט געענטפערט, איז אַלץ געזעסן און צוגעהאַלטן מיט ביידע הענטלעך זיין היטעלע, וואָס יע־דערער האָט חֵשֶק געהאַט ביי אים אויסנאַרן.

נאָר אַז דער קיניג מיט דער גילדערנער קרוין אין די

הענט איז צוגעגאַנגעו צו אים נענטער, איז אויף אַנדערסן אָנגעפאַלן אַ שרעק, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ ניט געפילט. דער קיניג קאָן דאָך טאָן אַלץ, וואָס ער וויל!

מיט איין שפּרונג איז אַנדערס אַראָפּ פון שטול, זיך אַ לאָז געטאָן פייל אויסן בויגן דורך דעם זאַל, איבער די טרעפּ, איבערן הויף.

ער איז געלאָפן אַזוי שנעל, אַז דער פּרינצעסינס קיי־טעלע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין האַלז און אַלע שטי־קער שטרודל זיינען אַרויסגעפאַלן פון זיין קעשענע.

נאָר זיין היטעלע איז ביי אים געבליבן גאַנץ. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געלאָפן אַהיים, האָט ער עס צוגעהאַלטן מיטביידע הענט.

געקומען אַהיים, איז ער אַרויף גלייך צו דער מאַמען
אַרויף די קני און דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַ־
סירט, און ווי מע איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל אָפּגעבן
זיין היטעלע.

די ברידער און שוועסטער זיינען געשטאַנען אַרום מיט
אָפענע מיילער און געהערט, וואָס אַנדערס האָט דערציילט.

נאָר אַז דער עלטערער ברודער האָט דערהערט, ווי ער
האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן דאָס היטעלע אַפילו דעם קיניג
פאַר דער גאָלדענער קרוין, האָט ער געזאָגט, אַז אַנדערס
איז אַ נאַר: אַ ווערטעלע, וויפל גוטע זאַכן וואָלט מען גע־
קאָנט באַקומען פאַר דער קרוין; אַנדערס וואָלט דעמאָלט
געקאָנט האָבן נאָך אַ שענער היטעלע.

אַנדערס איז רויט געוואָרן, ווי אַ צוויק. דאָס איז אים גאָר אויף די געדאַנקען ניט אַרויפגעקומען. ער האָט זיך איינגעגראָבן מיטן קעפּל אין דער מאַמעס אַקסל און זי אַ פרעג געטאָן:

— מאַמע, איך בין אַ נאַר?

די מאַמע האָט אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך.

— ניין, מיין קליין זונעלע, — האָט זי געזאָגט, — ווען אַפילו זאָלסט זיין אָנגעטאָן אין גאָלד און זילבער פון קאָפּ ביז די פיס, וואָלסטו אויך דעמאָלט ניט אויסגעזען אַזוי שיין, ווי איצט, אין דיין קליין רויט היטעלע!